בא תשפ"ד
גליון 174

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיֶיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײַנער קוואל

### שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה

דִי וָואךְ לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְרֵייטְן זִיךְ צוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם, זֵיי הָאבְּן אַ פֶעסְטֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף אִים.

אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק וְגַם צֵדָה לֹא עָשׂוּ לָהֶם, אַז דֶער פָּסוּק לָאזְט אוּנְז וִויסְן דִי לוֹיבּ פוּן דִי אִידְן, אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעגֶערֶעדְט וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין אִין אַ מִדְבָּר אָן שְׁפֵּייז, נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעגַאנְגֶען אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעדֶענְקְט דִי חֶסֶד נְעוּרַיִךְ, דִי לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַזוֹי זֵיינֶע לִיבֶּע קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס נָאךְ אִים אִין מִדְבָּר אִין אַ וִויסְטֶענִישׁ וואו עֶס וַואקְסְט גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז דָארְט נִישְׁט פַארְהַאן קַיין עֶסְן גֶעשֶׁעפְט, נִישְׁט קַיין פְלֵייש אָדֶער פִיש גֶעשֶׁעפְטְן אוּן אַוַודְאִי נִישְׁט קַיין רֶעסְטוֹרַאנְטְן אָדֶער שִׂמְחָה זַאלְן, נָאר מִילְיָאנֶען פִּיצְקֶעלֶעך זַאמְד וֶועלְכֶע וֶוערְן פָארְמִירְט אִין בֶּערְג אִין טָאלְן, נִישְׁטָא קַיין פְלֶעשֶׁער קְוַואל-וַואסֶער אָדֶער קְרַאנֶען, אֵיין זַאךְ וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט דִי מַצָּה דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה דָאס הָאט זֵיי זַאט גֶעמַאכְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער זִיסֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אוּנְז, קִינְדֶער! דֶער רֶבִּי שְׁרַייט נָאכְאַלְץ! עֶר שְׁרַייט, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, הָאטְס אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִין צַדִּיקִים אוּן אֱמוּנָה אִין עֶנְק קִינְדֶערְלֶעךְ! יָא גְלַייבְּטְס אִין עֶנְק. יֶעדֶער אִינְגְל דַארְף גְלֵייבְּן אִין 'זִיךְ' אַז עֶר קֶען מִיט זַיין מוֹיל בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶערְט אִים אוֹיס אוּן דָאס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס כָּבוֹד אַז אַ אִינְגְל פוּן נַיין יָאר אָדֶער אַ אִינְגְל פוּן פִיר יָאר, אוּן אֲפִילוּ אַ זֵיידֶע וֶוען עֶר טַעֲנָה'ט זִיךְ מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים מַאכְן אַ גוּט לֶעבְּן, אַ הֵיילִיג לֶעבְּן, אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות אוּן אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל מְבַטֵּל זַיין גְּזֵרוֹת אוּן זָאל זִיס מַאכְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

צוּ דֶעם פֶעלְט זִיךְ אוֹיס אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְזֶער גֶעבֶּעט!

המשך אויף קומענדיגע זייט

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אוּן פֶעסְטֶע לֶעבְּן, אַ אִיד וָואס אָטֶעמְט אֱמוּנָה קֶען זִיךְ בַּארוּאִיגְן אוּן אוֹיפְלֶעבְּן, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער סַיי וֶועלְכֶע שְׁוֶועריקַייט וֶועט עֶר גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּם סוֹף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוּן וֶועט אִים גוּטְס טוּן, אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט יִסוּרִים, גְלֵייבְּן מִיר אַז עֶס אִיז פַאר אַ פַארְצֵייאוּנְג אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גוּטְס טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן בָּעוֹלָם הַבָּא.

אָבֶּער אֵיינֶער וָואס אִיז אַ חוֹקֵר - וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה, הָאט עֶר נִישְׁט וואוּ צוּ לוֹיפְן, עֶר הָאט נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, אוּן מִיט וָואס זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְּן אוּן זִיךְ בַּארוּאִיגְן."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל טַאקֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע, בְּחִפָּזוֹן אִין אֵיילֶענִישׁ, לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן - הֶעכֶער דִי צַייט. אַז אַ פָּאלְק פוּן זֶעקְס הוּנְדֶערְט טוֹיזֶנְט אִידְן זֶענֶען אִין גָאר אַ שְׁנֶעלֶע צַייט גֶעקוּמֶען פוּן גַאנְץ לַאנְד מִצְרַיִם קַיין סֻכּוֹת, וָואס דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָט זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן הֶעכֶער דֶעם זְמַן הָאט דָאס גֶעקֶענְט פַּאסִירְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה אַז הַשֵּׁי"ת זָאל אוּנְז אוֹיפְהֵייבְּן הֶעכֶער דֶעם מָקוֹם דִי פְלֶעצֶער וואוּ מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אוּן הֶעכֶער דִי צַייט, מִיט הַשְׁגָחַת הַשֵּׁי"ת זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה אָמֵן.

הר"ר יוסף קדיש קרישבסקי הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

הר"ר אלעזר בלוי הי"ו
לרגל אירוסי בנו למזל טוב

הר"ר שמעון נתן גולדבערגר הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

לע"נ ר' נפתלי בן ר' בנימין ראזנפעלד ז"ל

מזל טוב להר"ר יואל יאראוויטש הי"ו משגיח בתלמוד תורה ברסלב ב"ש
המסור בלו"נ למען הפצת אורו של רבינו, לרגל אירוסי בתו למזל טוב עם החתן היקר
כמר אשר אנשיל קרויז בן הר"ר מרדכי יצחק נ"י

טייערע אידן, דער גליון ווארט אויף ענקער הילף, מיר זענען גרייט צו נעמען אייער ברייטהארציגע תרומה
רופט, 02-5-3333-72 אין אמעריקע 646-585-3040.
אויף קנעפל 8 קענט איר נעמען תורם זיין אייער נדבה.

# איין מעשה'לע



## בָּרוּךְ קֶען אוֹיךְ

טַײיֶערע חֲבֵרִים,

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז זָאגְן אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע זַאךְ. מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז מֶען זָאל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ זָאגְן בַּיים רֶבִּי'ן.

אַ צַייט צוּרִיק הָאבְּן מִיר, נָאךְ פִיל תְּפִלּוֹת אוּן מְנִיעוֹת עֶנְדְלִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, אוֹיךְ מַיין קְלֵיינֶע בְּרוּדֶערְל, בָּרוּךְ וָואס וֶוערְט פִינְף יָאר אִיז מִיטְגֶעקוּמֶען. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעקְלֶערְט אַז אוֹיב אִיז מֶען שׁוֹין דָא זָאל עֶר שׁוֹין זָאגְן אַ 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' אוּן הָאבְּן דִי מַתָּנָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְן וֶועט זַיין רֵיין אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵרוֹת.

דָאס זָאגְט זִיךְ אָבֶּער גְרִינְגֶער וִוי גֶעטוּן. בָּרוּךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טְרָאפּ זִיץ-פְלֵייש צוּ זִיצְן פִינְף מִינוּט אוּן נָאכְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער וָואס מַיין טַאטֶע הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט. צְווִישְׁן אֵיין וָוארְט אִין צְוֵוייטְן אִיז עֶר גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְ'ן בַּאנְק אוּן אוּנְטֶערְן בַּאנְק, גֶעלָאפְן פוּן מִזְרָח צוּ מַעֲרָב, אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ דֶער צִיּוֹן. עֶס הָאט אִים מֶער גֶעשְׁמֶעקְט אַרַײנְצוּוַוארְפְן מַטְבֵּעוֹת אִין צְדָקָה פּוּשְׁקֶע אוּן הֶערְן דֶער קְלִינְג פוּן אִינֶעווֵייניג, וִוי זִיצְן אוּן נָאכְזָאגְן וֶוערְטֶער. עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעטְן נָאךְ מַטְבֵּעוֹת פַאר צְדָקָה. אִינְצְווִישְׁן אִיז עֶר גֶעוָוארְן הוּנְגֶערִיג אוּן דָארְשְׁטִיג. נָאכְ'ן קַאמַאנְדֶעוֶוען אִיז עֶר מִיד גֶעוָוארְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בַּאנְק צוּ שְׁלָאפְן...

פִינְף טֶעג הָאט גֶעדוֹיֶערְט צוּ זָאגְן זִיבְּן קַאפִּיטְלֶעך. עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זָאגְן וִוי אַ גְרוֹיסֶער אִינְגְל נָאר עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מִתְגַּבֵּר זַיין. זַיין מַתָּנָה וָואס מַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אוֹיף וֶוען עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט עֶנְדִיגְן אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר קֶענֶען עֶפֶענֶען דֶער אַיינְפַּאק, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה פַאר אִים. יֶעדְן טָאג הָאט מֶען זִיךְ קוֹים גֶערוּקְט פָארְאוֹיס מִיט אֵיין קַאפִּיטְל.

סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער טָאג פַארְן אַהֵיימְפָארְן. אַלֶע רֶענְצְלֶעך זֶענֶען שׁוֹין גֶעפַּאקְט. אוֹיךְ דִי צֵידָה לַדֶּרֶךְ פַאר דֶער לַאנְגֶער וֶועג אִיז שׁוֹין גְרֵייט גֶעוֶוען, אָבֶער מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט אַהֵיימְפָארְן ווַײל בָּרוּכְ'ל הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי.

אִינְדֶערְפְרִי אִיז מַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן אֵיידֶער מֶען לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג. סְ'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיינְס-אוּן-אַ-הַאלְבּ שָׁעָה אֵיידֶער מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְפָארְן אוּן בָּרוּכְ'ל הָאט נָאךְ גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן דִי לֶעצְטֶע דְרַיי קַאפִּיטְלֶעך. מַיין טַאטֶע הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז כָאטְשׁ דָאסְמָאל זָאל עֶר קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אָן קַיין אִיבֶּערְהַאקוּנְגֶען.

בָּרוּכְ'ל אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן, אָבֶער אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע טֶעג הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאלְטְן נָאךְ אַ הֵיילִיגֶער שַׁבָּת וַוייל'ן בַּיים רֶבִּי'ן. עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אוֹיפְ'ן בַּאנְק אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אַ וָוארְט נָאךְ אַ וָוארְט וָואס מַיין טַאטֶע הָאט אִים פָּארְגֶעזָאגְט. אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעשְׁמִירְט וִוי אַ פִּידְל. עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי דְרַיי קַאפִּיטְלֶעךְ אוּן מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזֶען אַז ס'אִיז אַ שְׁעַת-הַכּשֶׁר הָאט עֶר מִיט אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי הָאפְנְדִיג אַז עֶר וֶועט קֶענֶען עֶנְדִיגְן בִּיזְן סוֹף. אַזוֹי אִיז עֶר גֶעפָארְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל וֶוען בָּרוּכְ'ל זִינְגְט נָאךְ דִי וֶוערְטֶער מִיט גֶעשְׁמַאק אוּן חִיּוּת.

חֲבֵרִים, אִיר וֶועט נִישְׁט גְלֵייבְּן אָבֶער בָּרוּךְ הָאט גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אָן אוֹיסְרֶעדְן אֲפִילוּ אֵיינְמָאל. מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ אַז אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר נָאךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַזַא גֶעשְׁמַאקְן עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים מִיט בָּרוּכְ'ל.

***

## תְּפִלָּה עֶפְנְט אוֹיף אַלֶעס

מִיר זֶענֶען אַמָאל גֶעפָארְן פוּן קִרְיַת-יוֹאֵל קַיין בָּארָא-פַּארְק אוֹיף שַׁבָּת, זַייעֶנְדִיג נָאנְט צוּ בָּארָא-פַּארְק, ווִיסְנְדִיג אַז ס'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ פַּארְקִינְג וואוּ צוּ שְׁטֶעלְן דֶעם קַאר, הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְפַּלֵּל אוּן אוּנְז הָאבְּן גְלַייךְ גֶעטְרָאפְן אַ פַּארְקִינְג וואוּ צוּ פַּארְקִירְן דֶעם אוֹיטָא. **מֹשֶׁה, קִרְיַת יוֹאֵל**




*המשך פון פאריגע וואך*

*ר' פנחס קיבליטשער וויל כאפן א בליק וואס מען קען שוין זען אין ברסלב'ער קלויז? פארוואס לאזט אים דער שווער נישט אריינטרעטן דארט?*

וִוי נָאר ר' פִּנְחָס אִיז אַרַיין אִין בֵּית מִדְרָשׁ הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין זַ"ל. ר' אַבְרָהָם מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע אוֹיגְן הָאט גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט אִין ר' פִּנְחָס זַיינֶע וַואקְלֶענִישְׁן, עֶר גֵייט צוּ צוּ אִים מִיט זַיין אֵיידֶעלְן שְׁפְּרַאךְ אוּן זָאגְט אִים: "אִינְגֶערְמַאן, קוּם לָאמִיר אַרוֹיפְגֵיין אִין וַוייבֶּער שׁוּל".

דִי צְוֵויי גֵייעֶן אַרוֹיף דִי שְׁטִיגְן אוּן הֵייבְּן אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה כ' אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זֵיי פַארְטִיפְן זִיךְ אִין בַּאמֶערְקְן נִישְׁט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר שָׁעָה, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט דִי 'מַרְאֶה' וָואס אִיז בַּאזִירְט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן. אוֹיפְן אָרְט הָאט ר' פִּנְחָס פַארְשְׁטַאנֶען זַיין טָעוּת אוּן אִיז גֶעוָוארְן נָאכְגֶעצוֹיגְן צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט.

זָאפָארְט אִיז עֶר אַרִיבֶּער צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צִיּוּן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים פִירְן אוֹיפְן רֶעכְטְן וֶועג, אוּן גֶעוָוארְן נָאנְט צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ.

וִוי נָאר זַיין שְׁוֶוער הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אַז זַיין אֵיידֶעם אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שְׁוֶוערֶע הִתְנַגְּדוּת קֶעגְן אִים, ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיב עֶר וֶועט פַארְבְּלַייבְּן אִין אוּמַאן וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין דִי גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערַייעֶן, וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט צוּם סוֹף בְּלַייבְּן פוּן אִים? הָאט עֶר אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זָאפָארְט פָארְן צוּם דֶערְפְל סְטַאפַּאטְשִׁיק, וֶוען עֶר גִיבְּט אִים אִיבֶּער אַ הַמְלָצָה אַ בְּרִיוו צוּ אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע גְרוֹיסֶע לַייט – אַ תַּלְמִיד פוּן ר׳ נָתָן, ר׳ יִשְׂרָאֵל עֶר הָאט דָארְט גֶעווּאוֹינְט, אִין בְּרִיוו שְׁרַייבְּט ר׳ נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אַז עֶר זָאל גֶעבְּן אַן אַכְסַנְיָא פַאר ר׳ פִּנְחָס וואוּ עֶר זָאל קֶענֶען וַויילְן אַ שְׁטִיק צַייט בִּיז דִי פַייעֶר וֶועט זִיךְ אָפְּקִילְן.

ר׳ פִּנְחָס קוּמְט אָן אִין דֶערְפְל סְטַאפַּאטְשִׁיק, עֶס אִיז שׁוֹין מִנְחָה צַייט אוּן הֶערְט קוֹלוֹת פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, וָואס אִיז דִי קוֹלוֹת? ר׳ יִשְׂרָאֵל דֶער תַּלְמִיד פוּן ר׳ נָתָן הַאלְט בַּיי קָרְבָּנוֹת פַאר מִנְחָה אִין זָאגְט אַרוֹיס מִיט אַ בְּרֶען אוּן אַ הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער ׳וְלָמָּה אֵין מְעָרְבִין בָּהּ דְּבַשׁ מִפְּנֵי שֶׁהַתּוֹרָה אָמְרָה׳, עֶר זִינְגְט זִיךְ הוֹיךְ מִיט אַ פְּלַאם דִי וֶוערְטֶער ׳מִפְּנֵי שֶׁהַתּוֹרָה אָמְרָה׳, מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע תְּנוּעָה. אַזַא סָארְט דַאוֶונֶען פְלֶעגְן אוּנְזֶערֶע לַייט דַאוֶונֶען נִישְׁט נָאר יָמִים נוֹרָאִים נָאר אִין פָּשׁוּטְ׳ן וָואכְנְדִיגֶע מִנְחָה, מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן פַייעֶר.



**א געסל אין קיבליטש**

וֶוען ר׳ פִּנְחָס הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו צוּ ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעזָאגְט: ״גוּט, וֶועסְטוּ זַיין דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ״. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוען דֶער שְׁוֶוער פוּן ר׳ פִּנְחָס אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אִיז ר׳ פִּנְחָס צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אָבֶּער דִי הִתְנַגְּדוּת הָאט נָאכְאַלְץ גֶעבְּרֶענְט אִיז עֶר אַרִיבֶּער וואוֹינֶען קַיין קִיבְּלִיטְשׁ.

בעז״ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר זֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיטְן קַצָּב חַיִּים, וָואס זֶענֶען זַיינֶע פְּלֶענֶער? וָואס הָאט עֶר אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען? ווִיאַזוֹי וֶועט עֶר צוּגֵיין צוּם דֶעם ר׳ פִּנְחָס?



# מקוה ברענגט תקוה

אין די יונגע יארן פון הרה"ח ר' שמעון בערגשטיין ז"ל האט ער געלערנט אין די ישיבה פון ר' אלחנן וואסערמן הי"ד אין ברנוביץ. דארט אין די חשוב'ע ישיבה האט ער זיך צאמגעטראפן מיט נאך אפאר ברסלב'ער בחורים און פרישע מקורבים אזוי ווי ר' פנחס ארבייטמאן הי"ד דער זון פון ר' בן-ציון אפטער ז"ל און נאך, צוזאמען האבן זיי זיך געשטיגן אין תורה און עבודת ה' מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

אזוי ווי די ישיבה איז געווען א ליטווישע ישיבה, וואו ס'איז נישט אזוי איינגעפירט דער ענין פון זיך טובל'ען אין מקוה יעדן טאג, איז נישט געווען קיין מקוה אין געגנט פון דער ישיבה. ר' שמעון וועלכער האט געפאלגט די עצות פון רבי'ן האט זייער געוואלט זוכה זיין צו גיין אין מקוה יעדן טאג, ער האט אנגעהויבן צו זוכן אינעם גאנצן געגנט וואו קען מען געפינען א כשר'ע מקוה אבער עס איז נישט געווען צו געפינען, די נענטסטע וואס ער האט געטראפן איז געווען נעבן דער סלאנימער בית-מדרש וואס איז געווען זייער ווייט פון ישיבה, א ווייטע שטרעקע פון פערציג מינוט...

מיט דעם אלעס האט די ווייטקייט נישט אפגעהאלטן ר' שמעון פון זיין ווילן, און יעדן טאג פלעגט ער זיך ארויסלאזן אויפן וועג פערציג מינוט ביז צו דער מקוה און שפעטער נאכן זיך טובל'ען פלעגט ער גיין נאך פערציג מינוט די וועג צוריק...

אזוי איז געווען טאג נאך טאג אין קעלט און היצן, שבת, אינדערוואכן, מיט מסירות נפש שפרייזט ר' שמעון די וועג א לאנגע צייט ביזן מקוה, ווען ער ניצט אויס די צייט פון זיין גיין צו מאכן התבודדות און רעדט זיך אויס זיין הארץ צום באשעפער.

אזוי איז געווען א לאנגע צייט, ווען אינצווישן האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלטס קריג, דער גאנצער געגנט פון ברנוביץ איז געווען אונטער די הערשאפט פון די רוסן ימ"ש, אזוי ווי עס איז געווען א צייט פון מלחמה האבן די רוסן נישט געוואלט אז עס זאלן זיך דרייען ביי זיי פרעמדע בירגער, זיי האבן מורא געהאט פון שפיאנען און נאך אנדערע סיבות וואס האט צוגעברענגט אז זיי פלעגן זוכן און לאקערן אויף יעדעם איינעם וואס האט נישט געהאט רוסישע פאפירן, אויב האבן זיי געכאפט אזא איינעם פלעגן זיי אויפן גוטן פאל פארשיקן קיין סיביר ארבעטן אין די שווערע פראסטן, אדער אויפן ערגערן פאל טויטן אויפן ארט.

ר' שמעון איז געווען א פרעמדער בירגער, ער האט מקיים געווען דעם הוי גולה למקום תורה, ער איז געקומען פון ווייט לערנען תורה אין ישיבה, אזוי אז ער איז געווען אין א שרעליכן געפאר די גאנצע צייט די רוסן זאלן אים נישט

כאפן, אבער טראצדעם האט ער אויף די מקוה נישט מוותר געווען, אפילו אין אזא צייט האט ער ווייטער פארגעזעצט זיין הייליגע הנהגה און געגאנגען יעדן טאג די לאנגע וועג ביזן מקוה אהין און צוריק!

איין פארטאגס אן קיין פריערדיגע מעלדונג זענען ארויסגעוואקסן די רוסישע סאלדאטן אין ישיבה און גענומען זוכן די פרעמדע בירגער וואס מען פלעגט זיי אנרופן די פליטים, אבער צום מזל פון ר׳ שמעון האט מען אים נישט געפינען, ער איז דאן געווען אויפן וועג צום מקוה... ער איז געגאנגען במסירות נפש און געהערדט צום אויבערשטן ווען ער חלומ׳ט גארנישט אין זיין לעצטן חלום פון וועלכן גרויסן געפאר ער ווערט אין אט די מינוטן געראטעוועט...

נאכן זיך טוב׳לען אין מקוה קומענדיג אויף צוריק זענען אים אנטקעגן געלאפן זיינע חברים פון ישיבה בלאס און דערשראקן און געזאגט: ״שמעון, אנטלויף! די רוסן זענען אנגעפאלן דער ישיבה! זיי האבן צאמגענומען אלעמען וועמען עס איז זיי געלונגען צו כאפן און ליידער אומגעברענגט אויפן ארט״. ר׳ שמעון האט ערשט דעמאלס געכאפט אז זיין מסירות נפש פאר די הייליגע מקוה האט אים געראטעוועט פון זיכערן טויט! ער האט גלייך געכאפט העגט און פיס און אנטלאפן זיך באהאלטן...

א קורצע תקופה שפעטער איז פאר די רוסן יא געלונגען אים צו כאפן, אבער מיטן אויבערשטנ׳ס הילף האבן זיי דאסמאל נישט גע׳הרג׳עט נאר אים פארשיקט אין סיביר פאר דריי יאר. יארן שפעטער האט ר׳ שמעון דערציילט אז אין סיביר איז ער געשטאנען אנטקעגן זייער שווערע נסיונות אין קדושה, ווייל מען האט אים אריינגעשטעלט אין א ארבעטס לאגער איין מאנצביל צווישן פרעמדע פרויען, יעדן טאג האט ר׳ שמעון געשריגן און געבעטן רחמים פון הייליגן באשעפער ער זאל אים היטן און העלפן זיך האלטן לויטער און הייליג, אין איינע פון די טעג ווען ער האט געפילט אז דער בעל דבר גייט אים איינשלינגען האט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאגט:

״רבונו של עולם אויב דו וועסט מיר ראטעווען פון דעם שרעליכן ארט אז איך זאל קענען בלייבן שטארק און ביישטיין דעם נסיון זאג איך צו אז איך וועל אויפשטעלן א ישיבה אויפן הייליגן רבינ׳ס נאמען!״

וכך הווה, ר׳ שמעון האט זוכה געווען צו ניצול ווערן פון די שרעקליכע סכנות ברוחניות און בגשמיות, ער האט איבערגעלעבט די שווערע יארן און האט זוכה געווען צו ארויפקומען קיין ארץ ישראל, און טאקע יארן שפעטער האט ער אויפגעשטעלט די באקאנטע ישיבת ברסלב אין בני ברק, די ערשטע ברסלבע ישיבה אויף דער וועלט נאכן קריג, ווען ער באקומט פאר דעם חיזוק און שטיצונג פון אלע אנשי שלומינו און אויך די גדולי ישראל אין יענער צייט.

עס איז מקוים געווארן אויף ר׳ שמעון וואס ר׳ נתן האט האט געזאגט: ״אם יש מקוה יש תקוה״ אויב איז מען מקיים די הייליגע הנהגה פון גיין אין מקוה איז דא א האפענונג פאר יעדן איד צו זוכה זיין צו אלעם גוטן.

# סיפורי מעשיות מעשה ט׳ - דער חכם און דער תם 2

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״הַיינְט בַּאדַארְף מֶען שׁוֹין קוּקְן אוֹיף אַ ׳תַּכְלִית׳״! און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן מִיט זַיין ׳פִילוֹסוֹפְיָא׳ [פִילָאזָאפְיֶע], (כְּלוֹמַר: מִיט זַיין ׳חָכְמָה׳): ״וָואס עֶר זָאל טָאן״?!

אִיז אִים גֶעפֶעלְן: ״אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען ׳גָאלְד־אַרְבֶּעט׳ [גָאלְד־שְׁמִידֶערַיי] – וָוארְן [וַוייל] סְ׳אִיז אַ ׳גְרוֹיסֶע מְלָאכָה׳, און סְ׳אִיז אַ ׳שֵׁיינֶע מְלָאכָה׳, און סֶע [סְ׳אִיז דָא] דֶערִינֶען גְרוֹיס ׳חָכְמָה׳, און סְ׳אִיז אַ ׳רַייכֶע מְלָאכָה׳״!

און מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ [פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער], און אַ ׳פִילוֹסוֹף׳ [פִילָאזָאף] – הָאט עֶר נִישְׁט בַּאדַארְפְט זִיךְ לֶערְנֶען דִי ׳מְלָאכָה׳ כַּמָּה שָׁנִים [אַסַאךְ יָאהְרְן] – נָאר אִין אַ ׳פֶערְטְל יָאהְר׳, הָאט עֶר מְקַבֵּל גֶעוֶוען [זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט] דִי ׳מְלָאכָה׳!

און אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ׳בַּעַל־מְלָאכָה׳! – און עֶר הָאט גֶעקֶענְט דִי ׳מְלָאכָה׳ בֶּעסֶער, אֵיידֶער [וִוי] דֶער וָואס עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״כָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳מְלָאכָה׳ אִין דֶער הַאנְט – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, וִוייל אִיךְ מִיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט בַּאנוּגְן [בַּאגְנוּגְן]! – וָוארְן [וַוייל] הַיינְט אִיז חָשׁוּב דָאס, טָאמֶער [אִין] אַ אַנְדֶערֶע צַייט, וֶועט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ חָשׁוּב זַיין״! און אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ ׳שְׁטֵיין־שְׁנַיידֶער׳ [שְׁלֵייפְן דִימַאנְטְן]!

און מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין חָכְמָה – הָאט עֶר דִי ׳מְלָאכָה׳ אוֹיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען [זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט] אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט, אִין אַ ׳פֶערְטְל יָאהְר׳!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען מִיט זַיין ׳פִילוֹסוֹפְיָא׳ [פִילָאזָאפְיֶע]: ״כָאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ אִין דֶער הַאנְט ׳צְוֵויי מְלָאכוֹת׳ – וֶוער וֵוייסְט, טָאמֶער וֶועלְן בֵּיידֶע נִישְׁט חָשׁוּב זַיין? – בְּכֵן [דֶעריבֶּער] אִיז פַאר מִיר גוּט, אַז אִיךְ זָאל מִיךְ לֶערְנֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳מְלָאכָה׳, וָואס זִי זָאל תָּמִיד [וֶועט שְׁטֶענְדִיג] חָשׁוּב זַיין״!

הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט מִיט זַיין ׳הֲבָנָה׳ [פַארְשְׁטַאנְד] און מִיט זַיין ׳פִילוֹסוֹפְיָא׳ [פִילִיזָאפְיֶע]: ״אַז עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען ׳דָאקְטֶערַיי׳! – וָוארְן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מְ׳דַארְף תָּמִיד, און סְ׳אִיז תָּמִיד חָשׁוּב״!

און דֶער סֵדֶר אִיז: אַז מְ׳וִויל זִיךְ לֶערְנֶען ׳דָאקְטֶערַיי׳, מוּז מֶען זִיךְ פְרִיעֶר לֶערְנֶען ׳לִיטֵיינִישׁ׳, דָאס ׳לָשׁוֹן׳ און דָאס ׳כְּתַב׳ – און מְ׳מוּז לֶערְנֶען ׳פִילוֹסוֹפְיָא׳ [פִילָאזָאפְיֶע].

און עֶר, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין ׳הֲבָנָה׳ (דְהַיְינוּ: פַארְשְׁטַאנְדִיגְקַייט) – הָאט עֶר [זִיךְ] דָאס אוֹיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אִין אַ קְלֵיינֶער צַייט, אִין אַ ׳פֶערְטְל יָאהְר׳!

און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער ׳דָאקְטֶער׳, און

אַ 'פִילוֹסוֹף' [פִילָאזָאף], און אַ 'חָכָם' אִין 'אַלֶע חָכְמוֹת'!

דֶערְנָאךְ, הָאט בַּיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי וֶועלְט וֶוערְן כְּלֹא (כְּלוֹמַר: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען גָארְנִישְׁט)! – דְהַיְינוּ: עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן: "אַז קֵיינֶער הָאט קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט"!

וָוארְן מַחֲמַת זַיין 'חָכְמָה', וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל־מְלָאכָה', און אַזוֹי אַ 'חָכָם', און אַזוֹי אַ 'דָאקְטֶער' – אִיז אִיטְלֶעכֶער פוּן דֶער וֶועלְט, בַּיי אִים גֶעוֶוען כְּלֹא (גְלֵייךְ וִוי נִישְׁט)!

און עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין מַאכְן אַ 'תַּכְלִית', און וֶועט נֶעמֶען אַ 'וַוייבּ'"!

הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרַאכְט אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: "אַז אִיךְ וֶועל דָא חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶוער וֶועט וִויסְן וָואס פוּן מִיר אִיז גֶעוָוארְן? – לָאם־אִיךְ מִיךְ [לָאז־מִיךְ] בֶּעסֶער אוּמְקֶערְן אַהֵיים, כְּדֵי מֶען זָאל זֶעהְן וָואס פוּן מִיר אִיז גֶעוָוארְן – אִיךְ בִּין אַוֶועק אַ קְלֵיין אִינְגֶל, און הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] גְדוּלָה"! און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן, און אִיז גֶעפָארְן אַהֵיים!

און עֶר הָאט גֶעהַאט 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' אוֹיף דֶעם וֶועג! – וָוארְן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין 'חָכְמָה', הָאט עֶר מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט צוּ שְׁמוּעֶסְן, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'אַרְבֶּעִרִיג' [גַאסְט־הוֹיז; אַכְסַנְיָא] אַזוֹי־וִוי עֶר וִויל!

הָאט עֶר גֶעהַאט אַלְץ 'גְרוֹיסֶע יִסוּרִים' תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג]! עֶרְוַוייל לָאמִיר אַוֶועקְלֵייגְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם 'חָכָם'! מִיר וֶועלְן אָנְהֵייבְּן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם 'תַּם'!

דֶער 'תַּם' הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט 'שׁוּסְטֶערַיי'! – און מֵחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'תַּם', הָאט עֶר גֶעמוּזְט זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי 'מְלָאכָה' [אַרְבֶּעט], בִּיז עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען [זִיךְ דָאס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט]! – און הָאט דִי 'מְלָאכָה' נִישְׁט גֶעקֶענְט אִינְגַאנְצְן!

און עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ 'וַוייבּ'! – און עֶר הָאט זִיךְ 'מְפַרְנֵס' גֶעוֶוען פוּן דֶער 'מְלָאכָה'! און מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'תַּם', און עֶר הָאט דִי 'מְלָאכָה' נִישְׁט גֶעקֶענְט אַזוֹי־וִוי מְ'בַּאדַארְף – מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, אִיז זַיין 'פַּרְנָסָה' גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס דוֹחַק [עֶנְגְשַׁאפְט], און זֵייעֶר בְּצִמְצוּם!

און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט צַייט אֲפִילוּ צוּ עֶסְן! וָוארְן עֶר הָאט תָּמִיד [שְׁטֶענְדִיג] גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן, מַחֲמַת [וַוייל] עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי 'מְלָאכָה' אִינְגַאנְצְן! – נָאר בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶר הָאט אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט [אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט] דִי 'נָאל' [נָאדְל], און הָאט דוּרְכְגֶענוּמֶען דִי 'דְרַאטְוֶועֶ' [פָאדֶעם] – דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ בִּיס גֶעטָאן אַ 'שְׁטִיק בְּרוֹיט', און הָאט גֶעגֶעסְן!

און זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען: עֶר אִיז תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען, און עֶר אִיז גֶעוֶוען נָאר אִין 'שִׂמְחָה' תָּמִיד! – און עֶר הָאט גֶעהַאט אַלֶע 'מַאֲכָלִים', און אַלֶע 'מַשְׁקָאוֹת' [גֶעטְרַאנְקֶן], און אַלֶע 'מַלְבּוּשִׁים'!

עֶר פְלֶעגְט זָאגְן צוּם 'וַוייבּ': "מַיין וַוייבּ! גִיבּ מִיר עֶסְן"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן אַ 'שְׁטִיק בְּרוֹיט', הָאט עֶר גֶעגֶעסְן!

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "גִיבּ מִיר דִי 'יוֹךְ' [זִיפּ] מִיט 'קַאשֶׁע'"! – הָאט זִי אִים אָפְּגֶעשְׁנִיטְן נָאךְ אַ 'שְׁטִיק בְּרוֹיט', און עֶר הָאט גֶעגֶעסְן!

און הָאט זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט, און עֶר הָאט

גֶעזָאגְט: "וָואסְפַארַא גוּטְקֵייט, אוּן וָואסְפַארַא וואוּילְקֵייט, דִי 'יוֹךְ' אִיז"! אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעהֵייסְן: "גֶעבְּן 'פְלֵייש'"! – הָאט זִי אִים וִוידֶער גֶעגֶעבְּן 'בְּרוֹיט', הָאט עֶר גֶעגֶעסְן!

אוּן הָאט אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "וָואסְפַארַא וואוּילְקֵייט דָאס 'פְלֵייש' אִיז"!

אוּן אַזוֹי 'אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים' גוּטֶע, הָאט עֶר זִיךְ אַלְץ גֶעהֵייסְן גֶעבְּן – אוּן פַאר אִיטְלֶעכְן [יֶעדְן] 'מַאֲכָל' וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעהֵייסְן גֶעבְּן, הָאט זִי אִים אַלְץ גֶעגֶעבְּן אַ 'שְׁטִיק בְּרוֹיט'!

אוּן עֶר הָאט דֶערְפוּן זֵייעֶר גְרוֹיס 'תַּעֲנוּג' [פַארְגֶענִיגְן] גֶעהַאט, אוּן הָאט זֵייעֶר גֶעלוֹיבְּט דָאס גֶערֶעכְט [מַאֲכָל]: "וָואסְפַארַא גוּטְקֵייט סְ'אִיז"! – גְלַייךְ [כְּאִילוּ] וִוי עֶר וָואלְט עֶס מַמָּשׁ גֶעגֶעסְן!

וָוארְן [וַוייל] עֶר פְלֶעגְט טַאקֶע בֶּאֱמֶת פִילְן אִין דֶעם 'בְּרוֹיט' וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דֶעם טַעַם פוּן 'כָּל הַמַאֲכָלִים' [אַלֶע סָארְט עֶסְנְוַוארְג] וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט! – מַחֲמַת [צוּלִיבּ] זַיין גְרוֹיס 'תְּמִימוּת' אוּן זַיין 'פְרֵיילֶעכְקֵייט', הָאט עֶר גֶעפִילְט דֶעם 'טַעַם' אִין 'בְּרוֹיט', גְלַייךְ וִוי עֶר עֶסְט 'כָּל הַמַאֲכָלִים'!

אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "מַיין וַוייבּ! גִיבּ מִיר אַ טְרוּנְק 'בִּיר'"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן 'וַואסֶער'!

פְלֶעגְט עֶר לוֹיבְּן: "וָואסְפַארַא וואוּילְקֵייט דָאס 'בִּיר' אִיז"! נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: "גִיבּ מִיר 'מֶעד'"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן 'וַואסֶער'! הָאט עֶר אוֹיךְ אַזוֹי גֶעלוֹיבְּט: "וָואסְפַארַא גוּטֶער 'מֶעד' דָאס אִיז"!

"גִיבּ מִיר 'וַויין', אָדֶער אַנְדֶערֶע 'מַשְׁקָאוֹת' [גֶעטְרַאנְקְן]"! – הָאט זִי אִים אַלְץ גֶעגֶעבְּן 'וַואסֶער'! אוּן עֶר הָאט 'תַּעֲנוּג' גֶעהַאט, אוּן הָאט גֶעלוֹיבְּט דִי 'מַשְׁקֶה', גְלַייךְ וִוי עֶר טְרִינְקְט זִי!

אוּן אַזוֹי אִין 'מַלְבּוּשִׁים' [קְלֵיידוּנְג], אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען! – עֶר מִיט זַיין 'וַוייבּ', הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעהַאט אֵיין 'פֶּעלְץ' [מַאנְטְל]! אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ 'פֶּעלְץ', דְהַיְינוּ אִין 'מַארְק' צוּ גֵיין – פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "מַיין וַוייבּ! גִיבּ מִיר דֶעם 'פֶּעלְץ'"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן!

אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ 'טוּלִיפּ' [אוֹיבֶּער־רָאק גֵיין צְווִישְׁן לַייט [מֶענְטְשְׁן] – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מַיין וַוייבּ! גִיבּ מִיר דֶעם 'טוּלִיפּ'"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּעלְץ'!

פְלֶעגְט עֶר גְרוֹיס 'תַּעֲנוּג' [פַארְגֶענִיגְן] צוּ הָאבְּן, אוּן פְלֶעגְט לוֹיבְּן: "וָואסְפַארַא וואוּילְקֵייט דֶער 'טוּלִיפּ' אִיז"!

אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אַ 'קַאפְטְן' [רֶעקְל; בֶּעקִיטְשֶׁע] אִין שׁוּהְל אַרַיינְצוּגֵיין – הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין וַוייבּ! גִיבּ מִיר דֶעם 'קַאפְטְן'"! – הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּעלְץ'!

פְלֶעגְט עֶר צוּ לוֹיבְּן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: "וָואסְפַארַא פֵיינְקֵייט, אוּן וָואסֶער אַ [וָואסְפַארַא] שֵׁיינְקֵייט, דֶער 'קַאפְטְן' אִיז"!

אוּן אַזוֹי אַז עֶר הָאט בַּאדַארְפְט אָנְטוּהְן אַ 'יוּפָּא' [מֶער מְכוּבָּד'יגֶע מַלְבּוּשׁ] – הָאט זִי אִים אוֹיךְ גֶעגֶעבְּן דֶעם 'פֶּעלְץ'!

פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ לוֹיבְּן, אוּן הָאט 'תַּעֲנוּג' גֶעהַאט: "וָואסֶער אַ [וָואסְפַארַא] פֵיינְקֵייט, אוּן וָואסֶער אַ [וָואסְפַארַא] שֵׁיינְקֵייט, דִי 'יוּפָּא' אִיז"! אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע זַאכְן!

בס"ד

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (2)

**א. וועלכע מלאכה האט דער חכם געלערנט אין אנהויב?**
- ❑ שטיין שניידער.
- ❑ דאקטעריי.
- ❑ גאלד ארבעט.

**ב. אין וויפל צייט האט דער חכם געלערנט די מלאכה?**
- ❑ אין א האלבע יאר.
- ❑ אין איין יאר.
- ❑ אין א פערטל יאר.

**ג. וואס איז געווארן מיטן חכם, נאך וואס ער איז געווארן א דוקטער און א פילוסוף?**
- ❑ מכבד געווען פאר ווער עס איז א חכם ווי אים.
- ❑ די וועלט האט אים אנגעהויבן ווערן ווי גאר נישט.
- ❑ ער האט געוואלט לערנען נאך א מלאכה.

**ד. דער חכם האט זיך אום געקערט אהיים כדי צו חתונה האבן, פארוואס?**
- ❑ ווייל ביי זיין שטאט וועט ער טרעפן א ווייב א יראת שמים.
- ❑ וויל ער האט נישט געטראפן זיין פאסיגע כלה ביי זיין פלאץ.
- ❑ כדי מען זאל זעהן וואס איז פון אים איז געווארן.

**ה. פארוואס איז געווען די פרנסה פון דער תם מיט גרויס דוחק און זייער בצמצום?**
- ❑ ווייל ער האט זיך געפוילט ביי זיין ארבעט.
- ❑ ווייל ער האט נישט געקענט די מלאכה אזוי ווי מען דארף.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ו. וואספארא שטייגער האט דעם תם געהאט?**
- ❑ ער איז געווען בעצבות.
- ❑ ער איז אמאל פריילך געווען.
- ❑ ער איז געווען תמיד פריילך.

**ז. וואס האט דער תם געזאגט פאר זיין ווייב ווען ער האט איר געבעטן פלייש און ז' האט אים געגעבן ברויט?**
- ❑ ער האט געהאט טענות אויף איר פארוואס ברענגט זי אים ברויט.
- ❑ ער האט געשוויגן און מקבל געווען יסורים באהבה.
- ❑ ער האט זייער געליבט דאס גירעכט (מאכל), וואס פארא גוטקייט עס איז.

**ח. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה ביז דערווייל?**
- ❑ אז עס איז כדאי צו זיין א חכם .
- ❑ אז עס איז כדאי צו זיין א תם.
- ❑ ______________________.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### טיפער געטראכט



**דער תם: האט נישט ______________. האט נישט ______________. האט נישט ______________.**

**דער תם: איז געווען ______________. האט געהאט ______________. איז פול ______________.**

**תשובות פון פאריגע וואך. אין וועלכע מדינות איז דער חכם געווען? פוילן (ווארשא), לאגורנא, איטאליע, שפאניע**

**דער געווינער אויף פרשת שמות איז הילד החשוב שמעון מנדליאל, בית שמש**

**דער געווינער אויף טיפער געטראכט איז הילד החשוב נחמן פערקאוויטש, בית שמש**

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דעם רבינ'ס משלים



# דֶער בֶּן מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט (1)

דֶער רַבִּי ז"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' יוּדְל אַז עֶס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר גַּדְלוּת (וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס), אַז עֶר זָאל דַאוְונֶען אוֹיף דִי צָרָה פוּן זַיין חַבֵר.

הָאט ר' יוּדְל גֶעפְרֶעגְט: אַדְּרַבָּה לִכְאוֹרָה פוּן דֶעם אַליין קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְש נָאךְ מֶער גְרוֹיסְהַאלְטְן וַוייל אוֹיבּ דַאוְון אִיךְ אוֹיף מַיין חַבֵר וַוייזְט עֶס אַז אִיךְ בִּין חָשׁוּבֶ'ער פוּן מַיין חַבֵר

הָאט אִים דֶער רַבִּי ז"ל גֶעעֶנְטְפֶערְט בְּדֶרֶךְ מָשָׁל:

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעצֶערְנְט אוֹיף זַיין זוּן אוּן אִים דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זִיךְ. נָאכְדֶעם אִיז דֶער זוּן גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן זַיין פָאטֶער בִּיז עֶר הָאט אִים צוּרִיקְגֶעקֶערְט אוּן דֶערְנֶענְטֶערְט. אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער זוּן הָאט זִיךְ ווִידֶער פַארְזִינְדִיגְט קֶעגְן זַיין פָאטֶער, הָאט אִים דֶער קֶענִיג ווִידֶער פַארְשִׁיקְט פוּן אִים, אִיז דֶער זוּן ווִידֶער גֶעקוּמֶען אוּן אִים נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט הָאט אִים דֶער קֶענִיג פַארְשִׁיקְט אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן הָאט אִים דֶער קֶענִיג צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט אוּן מְקָרֵב גֶעוֶוען.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער בֶּן מֶלֶךְ ווִידֶער פַארְזִינְדִיגְט פַאר זַיין פָאטֶער, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זֵייעֶר גֶעצֶערְנְט אוֹיף אִים, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ בַּאטְרַאכְט, 'וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית אַז יֶעדֶעס מָאל וֶועל אִיךְ אִים פַארְשִׁיקְן אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דֶער צָארְן וֶועט מִיר נָאכְלָאזְן וֶועט עֶר וַוייטֶער קוּמֶען מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן? אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ אַזוֹי פִירְן, נָאר אִיךְ ווִיל אִים פַארְשִׁיקְן אוֹיף אַזַא סָארְט וֶועג אַז עֶר זָאל שׁוֹין מֶער נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען צוּ מִיר אוּן מִיר נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְבֶּעטְן'. וָואס הָאט דֶער קֶענִיג גֶעטוּן? עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שַׂר, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע שָׂרִים, צְווִישְׁן אִים אוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ, אוּן בַּאפוֹילְן דֶעם שַׂר אַז אוֹיבּ דֶער בֶּן מֶלֶךְ וֶועט וֶועלְן קוּמֶען מִיר אִיבֶּערְרֶעדְן אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּלָאזְן אַרַיינְצוּקוּמֶען צוּ מִיר.

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע מָאל אוּן גֶעוָואלְט קוּמֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין פָאטֶער, אוּן דֶער שַׂר הָאט אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט וַוייל אַזוֹי הָאט אִים דֶער קֶענִיג בַּאפוֹילְן. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער שַׂר גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע בֶּענְקְשַׁאפְט אוּן כִּיסוּפִים ווִי שְׁטַארְק דֶער בֶּן מֶלֶךְ גַּארְט צוּ קוּמֶען צוּם טַאטְן, עֶר הָאט פוּן דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר יִסוּרִים אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זַיין פָאטֶער כָאטְשׁ אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן. הָאט דֶער שַׂר גֶעהַאט אוֹיף דֶעם זוּן גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אָבֶּער עֶר טָאר דָאךְ אִים נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן צוּם מֶלֶךְ. הָאט זִיךְ דֶער שַׂר בַּארֶעכְנְט אַז אוֹיבּ דֶער זוּן בֶּענְקְט אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם פָאטֶער, וַוייזְט אוֹיס אַז ווָארְשַׁיינְלִיךְ הָאט דֶער קֶענִיג אוֹיךְ גְרוֹיס צַעַר אוּן יִסוּרִים פוּן דֶעם וָואס זַיין זוּן קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל ווִיפִיל גְלוּסְטֶעניש דֶער מֶענְטְשׁ גְלוּסְט, אַזוֹי וֶועקְט עֶר אוֹיף אַ גְלוּסְטֶעניש אִין דֶעם וֶועמֶען עֶר גְלוּסְט (נוסח אחר: אַזוֹי גְרוֹיס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן וָואס מֶען גְלוּסְט). הָאט דֶער שַׂר גֶעהַאט אוֹיף זֵיי גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אוּן אוֹיךְ עֶר (דֶער שַׂר זֶעלְבְּסְט) הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: "אִיךְ בִּין דָאךְ דֶער וָואס אִיז גּוֹרֵם צוּ דֶעם, וַוייל אִיךְ בִּין דֶער מֶסָךְ הַמַּבְדִּיל (דֶער וָואס שְׁטֵייט צְווִישְׁן זֵיי) אוּן אִיךְ בְּרֶענְג צוּ דִי יִסוּרִים פַארְן קֶענִיג אוּן פַארְן בֶּן מֶלֶךְ."

פארזעצונג קומענדיגע וואך בעז"ה